„CZYTA…

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 244/1239 | Łódź, Środa 26 październ. 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך ל׳ תשרי תרפ״ח | Nr. 244/1239

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel 2471.

# מארגען-סוף פון פראצעס

## פערטיידיגונג און בעשולדיגונג האבען זיך פערשטענדיגט און זיך אפגעזאגט פון פערהערען די ווייטערדיגע עדות.

## היינט-רעדעס פון פראקוראר און ציוויל-מאהנער.

פאריז, 25. (טעל. פון אונזער קארעספאנדענט). די היינטיגע זיצונג האט געבראכט אַן׳אונגעהויערע איבערראשונג. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער פראצעס, וועלכער האט צוגעזאגט זיך צו פערציהען נאך זעהר לאַנג צוליב דער גרויסער צאהל עדות, וועט זיך היינט-מארגען ענדיגען.

באַלד ביים אנהויב פון דער זיצונג האט גענומען אַ ווארט אַדוואקאַט טארעס און האט אבגעגעבען פאלגענדע ערקלערונג: כדי דער פראצעס זאל זיך נישט פערציהען און זאל זיך וואס גיכער ענדיגע׳, איז די פערטיידיגונג גרייט זיך אבצוזאגען פון איהרע ווייטערדיגע עדות מיט׳ן בעדינג, אַז אויך די בעשולדיגונג זאל זיך פון איהרע עדות אבזאגען.

צווישען די צדדים איז דאַן פארגעקומען אַ מיינונגס-אויסטויש און נאך עטליכע רעפליקעס זענען די צדדים געקומען צו אַ פערשטענדיגונג, אַז זיי זאגען זיך אב פון די עדות א חוץ די, וועלכע דאַרפען באַלד געבען זייערע ערקלערונגען.

מארגען (היינט, מיטוואך) וועלען זיך אנהויבען די רעדעס פון די צדדים. אויב דער פראקוראר און די ציוויל-מאהנער וועלען אין משך פון היינטיגען טאג פערענדיגען זייערע רעדעס, וועט דאנערשטאג האבען דאס ווארט דער פערטיידיגער פון שוואַרצבאַרד׳ אַדוו. טארעס, און נאך דאנערשטאג וועט מסתם אַרויסגעטראגען ווערען דער אורטייל.

האָן הונדערטער בעוויזען, אַז פעטלורא איז שולדיג אין די פאָגראָמען. די אויספאָרשונג וועגען די פאָגראָמען האָט געבראַכט אָהן אַ שיער דאָקומענטען, וואָס בעשטעטיגען פעטלוראַ׳ס שולד.

דער צווייטער עדות ד״ר טשעריקאָווער דערצעהלט, אַז וויפיל מאָל יודישע דעלעגאַציעס האָבען זיך געווענדעט צו פעטלוראַ׳ן, ער זאָל אָננעהמען מיטלען געגען די פאָגראָמען און זעהן, אַז די שולדיגע זאָלען בעשטראָפט ווערען,— האָט פעטלוראַ די דעלעגאַציעס נישט געוואָלט אויפנעהמען, אַזוי איז עס געווען, למשל, נאָכ׳ן זשיטאָמירער פּאָגראָם, ווען צו פעטלוראַ׳ן האָט זיך צוויי מאָל געווענדעט אַ יודישע דעלעגאַציע, אָבער —אומזיסט.

דער עדות וואַכטענקאָ (אוקראַינער) בעהויפּט, אַז פעטלוראַ האָט יאָ אויפגענומען די יודישע דעלעגאַציעס און אַז די יודען זענען געווען אַפילו צופרידען מיט דער אויפפיהרונג פון פעטלוראַ׳ן.

### פרטים פון 6-טען פראָצעס-טאָג.

פאָריז. 25 (טעל. פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער 6-טער טאָג פון פּראָצעס, וואו פאַר׳ן געריכט האָבען גענומען פערבייגעהן די עדות פון דער פערטיידיגונג און שילדערן די מורא׳דיגע עולות, וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרען מיט דער יודישער בעפעלקערונג, האָט איבערגעלאָזט אַנ׳אונגעהויערען רושם. די יודישע עדות, וועלכע זענען אין דעם טאָג אויסגעהערט געוואָרען, האָבען בכלל געמאַכט אַ גאָר גוטען איינדרוק. עס איז געווען אויפפאַלענד׳ וואָס בעת די עדות-אוקראַינער האָבען געהעצט געגען שוואַרצבאַרד׳ן און די יודען האָבען זיך

### די יודישע עדות אפגעהאַלטען נישט נאר פון העצע,

נאָר אויך פון בעשולדיגען דאָס אוקראַינישע פאָלק. זיי האָבען נאָר אויסגעדריקט די טיפע איבערצייגונג און געזעהן צו בעווייזען, אַז פעטלוראַ איז אין די פאָגראָמען שולדיג.

אַ גרויסען איינדרוק האָט געמאַכט דער בריף פון בורצעוו׳ן וועלכען ס׳האָט פאָרגעלעגט אַדוו. סליאָזבערג (זעה אויך 2-טע זייט), אַז דאבקאָווסקי, וועלכער האָט בעשולדיגט שוואַרצבאַרד׳ן אין באָלשעוויזם, איז

### אַ פשוט׳ער פראָוואָקאטאָר.

בורצעוו בעווייזט אויך אין דעם בריף, אַז שוואַרצבאַרד האָט מיט די קאָמוניסטען נישט געהאַט קיין שום געמיינזאמעס,

צווישען די צדדים איז עטליכע מאָל געקומען צו זעהר שאַרפע צוזאַמענשטויסען, אַזוי אַז דער פאָרזיצער האָט זיי געבעטען זיך צו האַלטען רוהיגער, ווייל ער איז קראַנק און איהם איז שווער די צדדים איבערצושרייען. דער פאָרזיצער האָט אויך גערדראָהט אָפצורייניגען דעם זאַל פון פובליקום, אויב עס וועט זיך נישט פערהאַלטען רוהיגער.

נאָכ׳ן עדות גרינבערג, וועלכער האָט געשילדערט די פעטלורישע פאָגראָמען אַלס די גרויזאַמסטע, וועלכע זענען ווען ס׳איז פאָרגעקומען, האָט עדות געזאָגט דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט די פאָגראָמען— אַדוו. גאָלדשטיין. דער עדות האָט דערצעהלט, אַז אויף די פאָהנען פון אַ סך

(ווייטער זעה 8-טע זייט).

## דער זיבעטער טאָג פון פראָצעס

פאַריז, 25 (טעלעגראַפיש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). אויף דער היינטיגער זיצונג פון געריכט איז דער ערשטער אויסגעהערט געוואָרען אַלס עדות לעאָ מאָצקין.

מאָצקין ערקלערט, אַז עס זענען פאַר-

## צו דער עפענטליכקייט!

געהענדיג נעכטען אַרום האַלב 11 ביינאַכט אויף דער ווסכאָדניאַ, איז ביים נומער 35 מיך איבערפאַלען דער פוטער-סוחר מאיר קאַבאַן (ווסכאָדניא 70) און האָט מיך אַריינגעשלעפט אין טויער און מיך שטאַרק צושלאָגען, און דערביי פעהלט מיר 127 זל. מיט אַ נאָטיץ-ביכעל, וועלכעס איז מיר זעהר וויכטיג. איך בעט זעהר די מענשען, וואָס האָבען דעם סקאַנדאַל בייגעוואוינט, זיך צו מעלדען אויף אַלעקסאַנדריסקאַ (מרדכי גבאי׳ס) 11, אין פוטער-געוועלב צו ישראל לייב לאַגזשיצקי, ווייל דער ענין ווערט איבערגעגעבען דער פראָקוראַטור.

מיט אַכטונג **מאַטעל לאַגזשיצקי.**

895

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאַרבען אין עלטער פון 79 יאָהר אונזער ליבער פאָטער, שוויגערפאַטער, גרויס-פאַטער, ברודער, שוואַגער און אנקעל

נ. ע.

# מרדכי ווארשאווסקי

ב״ר יעקב ז״ל הלוי

געוועזענער לאדזער סוחר און גבאי פון דער אַלטשטאַטישער שוהל.

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 26-טען אקטאבער 1927, 1 אַ זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז נאוואמיעסקא 2, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

## די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

